NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13383

ZHAN-LEON ZHORES

S. Hurwitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ארבייטער רינג
קינדער ביבליאטעק

…טראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

זשאַן־לעאָן זשאָרעס

(1859-1914)

פון ש. הורוויץ (װאלקעס)

אַרויסגעגעבן פון בילדונגס דעפּאַרטמענט
אַרבייטער רינג

NO 3.

VOL. I.

73/3271

ארבייטער רינג
קינדער ביבליאטעק

זשאַן־לעאָן זשאַרעס
(1859-1914)

פון ש. הורוויץ (זאלקעס)

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

ארויסגעגעבן פון
בילדונגס דעפארטמענט
ארבייטער רינג



זשאן־לעאן זשאָרעס.

אוּן אין מיטן פוּן דער גרויזאמער וועלט
איז ער, דער מענש, געווען דער שליח
פוּן פרידן אוּן מענשן־ליבע.

ווִיקטאר הוגא.

זשאן זשארעס, דער בארימטער ארבעטער פירער אוּן גרויסער מענשן פריינט, איז געבארן געווארן אין יאר 1859, אין אלבי, א שטעטל אין דרום-פראנקרייך, אין דעפארטמענט טארן, אין דעם ווינקעלע פוּן דער אפיקורסישער באוועגונג פון די אלבינאיער, וועלכע האבן יארן־לאנג מוטיג געקעמפט פאר רעליגיעזער פרייהייט און זייַנען ענדלאך באזיגט געווארן נאכדעם, ווי כמעט די גאנצע באפעלקערונג איז אויסגעראטן געווארן. ער האט אין זיך פאראייניקט די אלע שיינע מעלות מיט וועלכע ס'צייכנט זיך אוים די דרום פראנצויזישע באפעלקערונג: א הייסע נשמה, א שיינעם קינסטלערישן געשמאק, א טיפן גלויבן אין מענשן, טרייהייט און איבערגעבנהייט צו זיינע אידעאלן.

שוין אין זיינע יונגע יארן האבן זיך ארויסגעוויזן די שטימונגען און נייגונגען, וועלכע האבן שפעטער, אין די רייפע יארן באשטימט זיין געזעלשאפטלעכע ארבעט, אנגעצייכנט דעם מארטירער־וועג פון דעם גרויסן פרייהייטס קעמפער און מענשן פריינט: ער האט ניט געקאנט גלייכגילטיק צו וען די קלענסטע אומרעכט, פלעגט זיך שטענדיק איינשטעלן פאר א שוואכן חבר, פלעגט אפגעבן די לעצטע פאר גראשן די ארימע פון שטעטל.

אויף די טראדיציעס פון גייסטיקער פרייהייט, אויף די אידעאלן פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע איז דערצויגן געווארן זשארעס אין דעם הויז פון זיינע עלטערן. די עלטערן זיינע זיינען געווען ניט איבעריק רייך, און א מעגלאכקייט צו בילדן זיך האט זשארעס באקומען נאר א דאנק די ספעציעלע סטיפענדיעס (סקאלערשיפס), וואס ער האט געקראגן פאר זיינע גרויסע פעאיקייטן. זשארעס האט זיך שוין אין דער מיטל־שול אויסגעצייכנט מיט זיין רעדנער טאלאנט; א דאנק דעם טאלאנט איז זשארעס שפעטער געווארן איינער פון די גרעסטע רעדנערס אין פראנקרייך, דער

גרעסטער נאָך מיראַבאָ, דעם באַרימטן רעדנער אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

נאָכדעם, ווי זשאָרעס האָט פאַרענדיקט די מיטל־שול, איז ער אַ. ייִנ־יעַטראַטן אין איינעם פון די בעסטע פּאַריזער אוניווערזיטעטן, וואו ער האָט פלייסיג שטודירט פילאָסאָפיע און געשיכטע. אויפ׳ן דריטן יאָר נאָכ׳ן פאַרענדיקן דעם אוניווערזיטעט איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע אין טולוזער אוניווערזיטעט. זיין רעדנער טאַלאַנט, די גרויסע קענטעניש אין פילאָסאָפיע און געשיכטע, די מעכטיקע געשטאַלט פונ׳ם געלערנטן, מיטן לייבן קאָפּ און טרוימער׳שע אויגן, האָבן צוגעצויגן צו זיין אודיטאָריע הונדערטער סטודענטן, וועלכע האָבן זיך מיט גרויס אַכטונג און ליבע באַצויגען צו אים.

באַלד ווערט זשאָרעס אויסגעקליבן אין פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט; ער פאַרנעמט זיין פּלאַץ אויף די בענק פון די לינקע רעפּובליקנער. אָבער לאַנג פאַרבלייבט ער ניט מיט זיי. זיין הייסע נשמה, דער לעבעדיקער גייסט פון אַ קעמפער ברענגט אים צופירן אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָס איז געווען אין סוף פון די אַכציגסטע יאָרן פונ׳ם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף געגן דעם רעאַקציאָנערן גענעראַל בולאַנזשע, וועלכער האָט דעספּאָטיש אונטערדריקט די פרייהייט פון פראַנצויזישן פאָלק. זשאָרעס האָט זיך דאַמאָלסט שטאַרק באַפריינדעט מיט׳ן פירער פון אַ גרופּע פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, דעם קאָמונאַר בענואַ מאַלאָן, דעם גרינדער פון דער „סאָציאַליסטישער איבערזיכט". אָט דער מאַלאָן האָט עס געוואונען זשאָרעס׳ן פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

איידער זשאָרעס איז אַריין אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט ער אַ לאַנגע צייט שטודירט די גרונט־יסודות און געשיכטע פונ׳ם וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם. אין 1891טן יאָר האָט ער פאַרעפנטלאכט זיין באַרימטן ווערק וועגן דייטשן סאָציאַליזם אין דער לערע פון לוטער, קאַנט, פיכטע און העגל.

באַלד האָט טאַקע זשאָרעס פאַרנומען אַ וויכטיגן אָרט אין די רייען פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, געוואָרן איינער פון די באַליבטסטע פירער און לערער פון דעם יונגן דור סאָציאַליסטן. אומגעהייער גרויס איז שוין דאַמאָלסט געווען זיין איינפלוס אויפ׳ן פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט. די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געווען זייער שוואַך,

חוץ דעם איז זי אין דער צייט פון דרייפוסעס פראצעס צעשפליטערט געווארן, און דאך איז די ווירקונג פון זשארעסעס גרהפע אויף דער רעגירונג און פארלאמענט געווען אזוי גרויס, אז די רעקציאנערע צייטונגן פלעגן אים רופן : „דער קעניג זשארעס".

ס'איז געווען א גרויסער גייסטיקער פארגעניגן צו הערן זשארעס'ן : וואונדערלאך איז געווען די רייכקייט פון זיין שפראך, די ווארימקייט פון זיינע רעדעס, די קראפט פון זיינע איבערצייגונגען און דער טיפער, ליידנשאפטלאכער גלויבן אין סאציאליזם. אפילו זיינע פארביסענע שונאים, די רעאקציאנערן האבן געשטומט, ווען ער האט גערעדט : „רעדט, אייך הערן מיר גערן" האט איינמאל אויסגערופן דער פירער פון די מאנארכיסטן אין פארלאמענט בשעת א היציקער דעבאטע, ווען זשארעס האט זיך געוואלט אנטשולדיקן פאר א צו־שארפן אויסדרוק.

זשארעס דער פילאסאף, דער דענקער, וואס האט זיך אויפגעהויבן צו די העכסטע שטאפעלן פון וויסנשאפט, האט זיך נים אפגעריסן פון די ארבעטער מאסן. ער האט זיי אוועקגעגעבן דעם גאנצן לעבן זיינעם, דעם פלאמנדן גייסט פון זיין הייסער נשמה. און ליב האבן אים געהאט די ארבעטער פון די פאריזער פארשטעט, ליב האבן געהאט זייער זשאנען די טויזנטער טיינער פון אלבי, קארמא און אומגעגנט, צווישן וועלכע ער האט פארבראכט זיינע קינדערשע יאהן און, וועלכע האבן אים כסדר געשיקט אין פראנצויזישן פארלאמענט אלס זייער פארשטייער.

מ'האט באדארפט זען זשארעס'ן אויף די גרויסע ארבעטער פארזאמלונגען אין די פאריזער פארשטעט. דער זאל איז פול, אנגעפאקט מיט הונדערטער ארבעטער, וואס זיינען געקומען אויף דער פארזאמלונג גלייך פון דער ארבעט. דער בלאסער שיין פון די עלעקטרישע לאמפן פאלט אויף די אויסגעמאטערטע, פאר'חושכ'טע פנים'ער פון די ארבעטער, מענער און פרויען ; ס'הערן זיך שטילע געשפרעכן, דער עולם שמועסט זיך דורך. פלוצלונג ווערט שטיל, מ'הערט נאר דעם אפגעהאקטן אטעם פון די נאהענטע שכנים ; אלעמענס אויגן זיינען צוגעשמידט צו דער טריבונע, אט איז ער, דער באליבטער פירער, דער טריבון. די רעכטע האנט אויסגעשטרעקט, דער לייבן־קאפ פארריסן אין דער הויך, ס'דונערט זיין מעכטיקע שטימע, פילט אן אלע ווינקעלאך פון זאל, מיט כעס און צארן רעדט ער פון די פינסטערע כוחות, וואס דריקן און פלאגן אייראפע און די גאנצע וועלט, וואס

שמידן קייטן פאר'ן ארבעטער קלאס, דעם טרעגער פון פרייהייט און ליכט, דעם קעמפער פאר א נייער וועלט. אט איז זיין שטימע געווארן מילדער, ווייכער, זי גלעט און בארויקט, זי פאר'כשופ'ט, ער שילדערט צוקונפטבילדער, די קומענדיקע סאציאליסטישע געזעלשאפט, די נייע וועלט, דעם צוקונפטיקן מענטשן. אין זאל איז שטיל, קיין שארך, קיין ריר. לעבעדיקע פעדים ציען זיך פון דער טריבונע, זיי באהעפטן, פאראייניקן, אין גוף, אין נשמה. ער האט זיך צוזאמען מיט די פארזאמלטע אפגעריסן פון דער ערד, די נביא'ישע רייד פונ'ם גרויסן טריבון האבן אנטפלעקט פאר זיי א נייע וועלט, האבן זיי גייסטיק דערהויבן. אט האט ער פארענדיקט. טויזנטער הענט ציען זיך צו אים, פנים'ער שטראלן, אויגן גלאנצן מיט באגייסטערונג, הערצער קלאפן; זיי זיינען גרייט צו טאן אלץ, וואס ער וועט הייסן, אין פייער און אין וואסער, אויף טויט און לעבן...

זשארעס איז געווען דער ערשטער, וואס איז ארויסגעטראטן געגן דעם שענדלאכן אורטייל אין דרייפוסעס פראצעס. די רעאקציע אין פראנקרייך האט זיך דעמאלט פארשטארקט, די מיליטאריסטן האבן געפירט אן אנטיסעמיטישע העצע געגן אידן, זיי האבן דעם אומשולדיקן קרבן פארשיקט אויפ'ן ווייסטן, ווייטן אינזל. זשארעס אבער האט נישט געשוויגן, ער האט זיך ליידנשאפטלאך אריינגעווארן אין קאמף, געוועקט דעם געוויסן פון פראנצויזישן פאלק. צוזאמען מיט אים זיינען ארויסגעטראטן אנאטאל פראנס און עמיל זאלא. ער האט נישט גערוט ביז דער אומשולדיק פאר'משפט'ער האט זיך נישט צוריקגעקערט פון פארשיקונג און איז נישט ריינגעוואשן געווארן פון מיאוס'ן בלבול. דער סוף איז געווען, אז די רעאקציאנערע פארטייען האבן געליטן א שרעקלאכע מפלה און די רעגירונגספאליטיק האט זיך געענדערט; די שפעטערדיקע רעגירונגען פון וואלדעקרוסא און קאמבא האבן דורכגעפירט פראגרעסיווע רעפארמען אין לאנד, ווי דאס אפטיילן די קירכע פון דער מלוכה און אנדערע.

די סאציאליסטישע צייטונג, וועלכע זשארעס האט געגרינדעט, האט ער א נאמען געגעבן: „ל'הומאניטע", דאס הייסט, די מענטשהייט. אט די אידעע פון דער מענטשהייט האבן באאיינפלוסט זיין גאנצע פאליטישע און געזעלשאפטלאכע טעטיקייט, ווי א רויטער פאדים ציען זיי זיך דורך אלע מאמענטן פון זיין רייכן מענטשלאכן לעבן; זיי האבן געפונען א ליידנשאפט-

לאבע אפשפיגלונג אין אלע זיינע רעדעס; זיי פלעגן זיך אנטפלעקן מיט אזא קראפט און טיפער איבערצייגונג אין זיינע ארטיקלען, הויפטזעכלאך, אין די טעג, ווען שווארצע וואלקנס פון מענשן־האס און ברודער קריג האבן זיך גענומען צונויפזאמלען אויפ׳ן פאליטישן האריזאנט.

זשארעס האט אומערמידלאך, אין פארלויף פון פיל יארן, געפירט א פארביטערטן קאמף קעגן מלחמות, אלס אן אויפריכטיקער סאציאליסט האט ער עס געהאלטן פאר איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאבן זיינע; ער האט זיך קלאר פארגעשטעלט די אלע מאטעריעלע און גייסטיקע פארלוסטן, דעם מאראלן חורבן, וואס דער אייראפעאישער קריג וועט מיט זיך ברענגען — און דעריבער איז יעדער מיטל, וואס זאל אפהאלטן דעם גרויסן אומגליק, געווען גוט, דעריבער האט ער אויף די סאציאליסטישע קאנגרעסן אין שטוטגארט (1907) און אין קאפענהאגן (1910) אונטערשטיצט מיט אלע זיינע כוחות די רעזאלוציעס, וועלכע רופן די ארבעטער און סאציאליסטן פון אלע לענדער אין פאל פון א מלחמה, צו אן אלגעמיינעם סטרייק.

זשארעס האט נאך לאנג פאר דעם וועלט־קריג פאראויסגעזען די מעגלאכקייט פון דער שרעקלאכער קאטאסטראפע, ער האט געשפירט, אז אין דער געדריקטער אייראפעאישער אטמאספערע ווערט רייף א בלוטיקער צוזאמענשטויס.

אויף א מיטינג פון די ענגלישע און פראנצויזישע פארלאמענטארישע דעפוטאטן אין 1903טן יאר האט ער אין זיין רעדע געזאגט:

„זיין מאיעסטעט, די שאפענדע ארבעט, איז שוין נים שטום; ער רעדט צו אונז אויף טויזנטער שפראכן, ער וועקט אונז און רופט, ער פאדערט פון די פעלקער, אז דער בייזער גייסט פון מענשן־האס און פעלקער קריג זאל אויפהערן, אז די מלחמות און דער שרעק פאר מלחמות, וואס דריקט און פייניקט די מענשהייט, וואס פילט אן מיט האס און אומצופרידן די הערצער פון מיליאנען מענשן, זאל פארשווינדן.

איר פרעגט מיך, ווען און אין וואס פאר א פארמע וועט ענדלאך די שטרעבונג צו אינטערנאציאנאלער פארשטענדיקונג און ברידערלאכן צוזאמענלעבן פון פעלקער, פארווירקלאכט ווערן?

איך וועל אייך ענטפערן מיט א משל פון די אראבישע לעגענדעס פון טויזנט און איין נאכט".

ס׳איז אמאל געווען א פאר׳כשופ׳טער וואלד, און אלטער פארלאזענער

וואלד. שטאלץ און מעכטיק האבן זיך געהויבן די קרוינען פון די אלטע בוימער צום הימל; דער בייזער קאלטער ווינט האט זיי געשאקלט, געווארפן, געשמיסן און די צווייגן האבן געקרעכצט, געסקריפעט, געפאטשט איינע די אנדערע. ווען נאך א לאנגער רייע פראסטיקע טעג און נעכט און שיין און זון, האבן אלע לעבעדיקע באשעפענישן פלוצלינג דער־שפירט דעם הויך פון פרילינג, האבן א ציטער געטאן, גענומען זיך וועקן פון לאנגען ווינטערדיקן שלאף, האבן דאן אויך די ביימער פון פאר׳כישופ׳טן וואלד דערפילט, ווי דער זאפט שטראמט, פליסט, וועקט זיי צום לעבן.

אבער, דער איינזאמער, עלנדער גייסט, וואס האט געלעבט אין יעדן בוים, האט זיך שטיל און מיט א ציטער אפגערופן: אויב דו וועסט דער ערשטער ענטפערן אויף דעם רוף פון פרילינג, וועסט דער ערשטער צעעפענען דיינע קנאספן, וועסט ארויסלאזן דיינע גרינע בלעטלאך און בלומען, דאן וועלן די אנדערע ביימער מיט זייערע צווייגן צערייסן זיין גרינע קלייד.

דער האפערדיקער מרה־שחורה׳דיקער גייסט פונ׳ם גרויסן, מעכטיקן דעמב האט מיט כעס געזאגט: „דיינע צווייגן האט דער בייזער שטורעם צעבראכן, היט זיך, נעם נישט קיין אנטייל אין דעם יום־טוב פון לעבן און ליבע.

דער שרעק און אומצוטרוי האט אפגעטויט דעם לעבן אין דעם פאר־כישופ׳טן וואלד, האט פארגליווערט דעם זאפט אין די צווייגן און ווארצלען, נאקעטע, הילפלאזע זיינען געשטאנען די ביימער...

נאר וואס פאר אן ענדערונג איז פלוצלינג פארגעקומען, וואס האט פאסירט? ווער האט עס פארטריבן דעם כישוף פון וואלד? האבן דען די ביימער אליין זיך אנגענומען מיט מוט, און ווי די אפריל טראפן, וואס האבן זיך פלוצלינג אויסגעצירט אין גרינס, געגעבן דעם ערשטן סיגנאל צום לעבן און אויפוואכונג? האט דער ווארימער ליכטיקער זונען־שטראל אויפגעמונטערט דעם פארגליווערטן זאפט, געצוואונגען אים צו פליסן אין אלע ביימער מיט אמאל?

און אזוי איז עס געשען!

אין א שיינעם, ליכטיקן פרימארגן האט זיך דער גאנצער וואלד אויס־געצירט אין דעם פראכטפולן פארב פון פרייד, ליבע און שלום.״

אזוי האט יעדערס געמונטערט, געוועקט, געשטארקט דעם גלויבן אין א ברילערלאכן צוזאמענלעבן פון פעלקער.

אבער די סימנים פון געפאר פאר'ן וועלטלאכן פרידן האבן זיך פארשטארקט אין 1905טן יאר. די רייזע פונ'ם דייטשן קייזער אין טאנזשיר, זיין רעדע צום מאראקאנישן סולטאן האבן אויפגעברויזט די נאציאנאליסטישע כוואליעס איןביידע שכנ'ישע לענדער. די דייטשע סאציאליסטן האבן געטאן אלץ, וואס ס'איז נאר מעגלאך געווען, כדי אויסצומיידן א צוזאמענשטויס. זשארעס האט זיך דאמאלסט מיט'ן גאנצן אימפעט אריינגעווארפן אין קאמף, האט אויסגענוצט זיין גרויסע ווירקונג אויף איינצוהאלטן דעם פרידן און אים איז געלונגען אויסצומיידן א מלחמה צווישן ביידע לענדער.

זשארעס האט אומערמידלאך געארבעט כדי איינצושטעלן א דויערנדן פרידן צווישן דייטשלאנד און פראנקרייך, ער האט עס גערעכנט פאר איינער פון די וויכטיקסטע אויפגאבן פון דער סאציאליסטישער פארטיי אין פראנקרייך, ער האט גוט געוואוסט, אז דאס איז א שווערע אויפגאבע, און דאך האט ער די הענט נים אראפגעלאזן.

די רעאקציאנערן אין דייטשלאנד האבן זיך בשום אופן נים געוואלט בארואיקן. אין 1911טן יאר איז אין האפן פון אגאדיר אנגעקומען די דייטשע קריגס־שיף „פאנטערע". דייטשלאנד האט געפאדערט א באלוינונג פאר די פראנצויזישע פריווילעגיעס אין מאראקא. זשארעס איז ווידער געווען אויפ'ן פלאץ, אים איז ווידער געלונגען צו ערליידיקן די פראגע אויף א פרידלאכן אופן. דייטשלאנד האט באקומען פון פראנקרייך א טייל פון אירע קאלאניעס אין קאנגא.

אין 1912טן יאר איז אויסגעבראכן דער באלקאנישער קריג. זשארעס האט זיך אין זיין צייטונג „ל'הומאניטע" געווענדעט מיט א פייערדיקן אויפרוף צו די פאר'שיכור'טע באלקאנישע מלוכות: „האלט זיך איין", „באזינט זיך". ער פאדערט זיי אויף אייצוהאלטן די קריגערישע היץ, רופט צו שלום, פארגונפט.

אין 1913טן יאר איז זשארעס ווידער דער איניציאטאר פון דער דייטש־פראנצויזישער פארלאמענטארישער פארשטענדיקונגס־קאנפערענץ. מיט גרויס ערפאלג איז דורכגעגאנגען די צווייטע קאנפערענץ אין מאי 1914טן יאר, אין באזעל. אלע זיינען זיכער געווען אין דעם ערפאלג פון דער פרידנס קאנפערענץ. זשארעס האט געהאפט, אז וואס לענגער דער פרידן וועט איינגעהאלטן ווערן אין אייראפע, אלץ מער האפנונג איז, אז אלע שטרייט־פראגן און סכסוכים צווישן פעלקער וועלן אויף א פרידלאכן אופן אויסגעגלייכט ווערן.

אבער, ס'איז נים באשערם געווען! אין 1914טן יאר איז אויסגעבראכן דער וועלט־קריג. אייראפע האט א צימער געטאן. דער גיפטיקער נאציאנאַ־ליסטישער האס האט פאר'סמ'ט די לופט, האט פאר'שיכור'ט די מוחות. ברידער־מענשן האבן זיך פארוואנדלט אין חיות, גרייט געווען צוווארפן זיך איינע אויף די אנדערע, מארדן, רויבן.

און אין דער פארפעסטעטער פון שנאה און האס לופט האט זיך ווידער געלאזט הערן די שטימע פון גרויסן מענשן־פריינט, ס'האבן געקלונגען די נביא'ישע רייד פון דעם גרויסן טריבון, די שטים פון זשאן זשארעס האט געוועקט דעם מענשלאכן געוויסן, גערופן צו פרידן. ער איז אין די גרויזאמע טעג, אין די עטלאכע וואכן פאר דעם אויסברוך פונ'ם וועלט־קריג אינגאנצן געווען דורכגעדרונגען מיט א טיפער ליידנשאפטלאכער ליבע צו דער גע־פלאגטער מענשהייט. ווען ער האט אויפ'ן זיצונג פון דער אינטערנאציאנא־לער סאציאליסטישער ביהרא אין 1914טן יאר, אין ברוסעל געזאגט: „אונזער הייליקע אויפגאבע איז איצט, מיט אלע כוחות אפהאלטן רוסלאנד פון א מלחמה. און אויב דאס וועט אונז נים געלינגען, מוזן מיר דערקלערן אפן: מיר אנערקענען נאר איין אפמאך — דעם אפמאך, וואס בינדט אונז צונויף מיט דער גאנצער מענשהייט".

זשארעס האט די גאנצע צייט נים גערוט, ער האט זיך ליידנשאפטלאך אריינגעווארפן אין קאמף קעגן די פינסטערע כוחות, וואס האבן געשטויסן די וועלט אין אן אפגרונט. זיינע פייערדיקע ארטיקלען אין „ל'הומאניטע" האבן צונעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער וועלט, ער האלט אט בארא־טונגען מיט די דייטשע סאציאליסטן, ער מונטערט זיי, וועקט און רופט צום טאט...

די סאציאליסטישע פארטיי אין פראנקרייך האט מיט דער הילף פון די סאציאליסטן־ראדיקאלן נים דערלאזן, אז פראנקרייך זאל ערקלערן קריג דייטשלאנד. אין דייטשלאנד אבער האבן די סאציאליסטן נים געהאט קיין מעגלאכקייט צו ווירקן אויף די אונטערהאנדלונגען, וואס זיינען געפירט געווארן צווישן די צוויי לענדער ערב דעם וועלט־קריג. די לופט איז אלץ מער געווארן שטיקנדיקער, שווערער.

און אין דעם מאמענט האט שוין דער טויט געלויערט אויף זשארעסן. א ווילדער פאנאטיקער האט זיך שוין ארומגעטראגן מיט'ן געדאנק צו ערמארדן אים. דער מערדער האט אים ארומגעזוכט אין דער רעדאקציע פון „ל'הומא־

ניטע", נאָכגעפּרעגט זיך. דעם 31טן יולי פאַרנאַכט איז זשאָרעס נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט אין דער רעדאַקציע געקומען אַ הונגעריקער, מיט עטלעכע חברים, אין דעם קאַפע־הויז, וואו ער פלעגט, געוויינלעך, פאַרברענגען די אָוונט־שטונדן. ער האָט זיך געזעצט ביי אַ טישל, גענומען דורכבלעטערן אַ ציטונג. דער מערדער איז געשטאַנען הינטער'ן אָפענעם פענסטער, גוט זיך איינגעקוקט, צי דאָס איז דער קרבן, וועלכן ער זוכט אַזוי אַרום. ער האָט אים דערקענט, דאָס איז ער! עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַל, אַ קויל האָט געטראָפן זשאָרעסן אין האַרצן, האָט איבערגעריסן דאָס לעבן פונ'ם גרויסן מענטשן־פריינט און קעמפער. ער האָט אַרויסגעלאָזן די ציטונג פון האַנט, האָט זיך אַראָפּגע־רוקט פון שטול. די האַרץ פונ'ם גרויסן מענטשן האָט אויפגעהערט צו שלאָגן, זשאָרעס איז געווען טויט!

ווי אַ דונער האָט געטראָפן די נאַכריכט פון זשאָרעסעס טויט די הונדער־טער טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז דעם מוטיקן קעמפער וועט געלינגען צו באַזיגן די פינסטערע כוחות, אויסמיידן דעם שרעקלאַכן פאַר־ברעכן...

שוין דעם פערטן אויגוסט האָט דייטשלאַנד ערקלערט קריג פראַנקרייך און דאָס דייטשע מיליטער האָט זיך אַריינגעריסן אין בעלגיע. פיר יאָר האָט זיך געצויגן דער בלוטיקער שנעון. גאַנץ אייראָפּע איז געשטאַנען אין פייער, מיליאָנען מענשן, יונגע, מונטערע, לעבנסלוסטיקע זיינען אומגעקומען, פאַר־קריפּלט געוואָרן אויף די שלאַכט־פעלדער, אין די טרענטשעס. גאַנצע לענדער זיינען חרוב געוואָרן; און דער מאָראַלער חורבן, די גייסטיקע דערנידערונג איז אַזוי גרויס, אַז נאָך ביז צום היינטיקן טאָג קאָן די מענשהייט צו זיך נים קומען...

און דער מאָן, וואָס האָט דעם גאַנצן לעבן זיינעם געקעמפט פאַר אַ בעסערע, שענערער צוקונפט פאַר דער מענשהייט, האָט געפונען זיין אייביקע רו אין קבר, אין זיין געבורטס שטאָט, אין אלבי. אַרבעטער הענט האָבן באַצירט זיין קבר מיט גרינס און בלומען. אַרבעטער פרויען און מענער פון די אַרומיקע קוילן־גרובן פלעגן אָפט באַזוכן דעם קבר פון זייער פירער און לערער...

ערשט אין צען יאָר נאָכ'ן אָנהייב פונ'ם וועלט קריג, ווען אייראָפּע האָט גענומען זיך אָפּטרייסלען פון דעם בלוטיקן אומזין, גענומען קומען צו זיך, ווען אין פראַנקרייך גופא האָט דאָס פאָלק שוין פאַרשטאַנען אין וואָס פאַר אַן

אומגליק מ׳האָט פאַרשלעפּט די לאַנג, ערשט ווען אין דער שפּיץ פון דער רעגירונג האָבן זיך אין 1924טן יאָר געשטעלט אַנדערע פירער, האָט מען אַריבערגעפירט זשאַרעסעס קבר קיין פּאַריז, אין פּאַנטעאָן, וואו עס רוען די גרויסע לערער און וועגווייזער פון דער מענשהייט.

אַ האַלבער מיליאָן מענשן האָבן שווייגנדיק, אין טיפן טרויער באַגלייט די אומשטערבלאַכע רעשטן פון׳ם מענשן־פריינד איצט שוין צו זיין לעצטער רו. זיבעציק אַרבעטער־מיינערס פון אַלבי און קאַרמאָ האָבן געטראָגן דעם אָרון, שטיל, מיט געבויגענע קעפּ זיינען זיי געגאַנגען, פון צייט צו צייט האָט אַ טרער זיך אַראָפּגעקייקלט איבער זייערע פּנים׳ער.

„פאָלק פון פּאַריז, — האָט איינער פון די אַרבעטער־מיינערס געזאָגט ביים געזעגענען זיך מיט זשאַרעסן, — מיר האָבן אייך אַנפאַרטרויט זשאַרעסן, היט אים גוט!״

„זייט רואיק, — האָט געענטפערט דער פאַרשטייער פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, — דאָס הייליקטום, וואָס איר האָט אונז געגעבן, וועלן מיר גוט אָפּהיטן!״

זשאַרעס איז טויט, אָבער זיין גייסט וועט אייביק לעבן אין זכרון פון מיליאָנען מענשן. ער וועט וועקן, רופן צום טאָט, צום קאַמף פאַר די אידעאַלן פאַר וועלכע דער מאַרטירער האָט זיין לעבן אוועקגעגעבן.

אפּ־טו־דײט פּרינטינג קאָ., אינק
19 ראָטגערס סטריט, ניו יאָרק